EAST RAMAPO CENTRAL SCHOOL DISTRICT
All the Way Up!
Healthy • Safe • Supported • Engaged • Challenged

# איסט רעמעפּאו
## סענטראל סקול דיסטריקט

*"א פאראייניגטע קאמיוניטי פאר א פולשטענדיגע ערציאונג פארן קינד"*

**בודזשעט אויסגאבע • פרילינג 2022**

# 2022 ,21 יוני ראפ טמיטשאב ןלאוו רעדיוו טעשדזוב

## א מעלדונג פון אייער באורד אָוו עדזשוּקעישען פרעזידענט און סוּפּעראינטענדענט

**טייערע איסט רעמעפּאו קאמיוניטי,**

אום דינסטאג, יוני 21 ווען איינוואוינער געבעטן ווערן צו באשטימען אן איבערגעארבעטע בודזשעט פאר די 2022-23 אקאדעמישע יאר.

מיט לייכטע ענדערונגען צו די פינאניעלע פלאן וואס איז פארגעשטעלט געווארן פאר ווילער אום מאי 17, באלאנסירט די איסט רעמעפּאו צענטראלע סקול דיסטריקט'ס איבערגעארבעטע בודזשעט די באדערפענישן פון די איינוואוינער וואס צאלן שטייערן בשעת'ן אויך היטן אויף א הויכע קוואליטעט פון חינוך פראגראמען און שטיצע פאר סטודענטן. די פארגעשלאגענע בודזשעט איז די רעזולטאט פון זייער שווערע ארבעט און איבערגעגעבנקייט צו די פינאנציעל-פאראנטווארטליכע צוגאנג צו רוקן אונזער סקול דיסטריקט פאראויס דורך א תקופה פון צוריקבויען און צוריקוואקסן.

די באורד אָוו עדזשוּקעישען בלייבט ווייטער עמפינדליך צו די שטייער לאסט אויף די קאמיוניטי, און זיי האבן אראפגענידערט די פארגעשלאגענע טעקס לעווי העכערונג פון 3.96% צו 1.63%, זייענדיג אונטער די ניו יארק סטעיט טעקס לעווי מאקסימום. די שפענדונג פלאן קומט שפיגלט אפ א בודזשעט **פארמינערונג** פון 4.96% דורכאויס די לעצטע יאר.

אין נאמען פון די באורד אָוו עדזשוּקעישען און די אדמיניסטראציע דאנקען מיר די קאמיוניטי פאר אייער אנגייענדע שטיצע. ביטע קומט ארויס שטימען אויף **דינסטאג, יוני 21** צו זיכער מאכן אז אונזערע קינדער האבן די כלים און געלעגנהייטן וואס פעלן אויס צו קענען מצליח זיין.

**Yehuda Weissmandl**
פרעזידענט, באורד אָוו עדזשוּקעישען

**Dr. Clarence G. Ellis**
סוּפּעראינטענדענט פון סקולס

| 2022-23 פארגעשלאגענע בודזשעט אין קורצן |
|---|
| פארגעשלאגענע בודזשעט: **$258,944,880** |
| בודזשעט-צו-בודזשעט טויש: **-4.96%** |
| פאראויסגעזאגטע טעקס לעווי העכערונג: **1.63%** |






**ווידער וואלן: דינסטאג, יוני 21, 2022 • 7:00 A.M. - 10:00 P.M.**

# דיסטריקט בודזשעט מעלדונג איסט רעמעפּאו סענטראל סקול דיסטריקט 2022-23

| אלגעמיינע בודזשעט פארשלאג | בודזשעט אנגענומען פאר די 2021-22 סקול יאר | בודזשעט פארגעשלאגן פאר די 2022-23 סקול יאר | קאנטינדזשענסי בודזשעט פארגעשלאגן פאר די 2022-23 סקול יאר * |
|---|---|---|---|
| סך הכל בודזשעט סומע, נישט אריינרעכענענדיג באזונדערע פארשלאגן | $ 272,449,633 | $ 258,944,880 | $ 256,421,500 |
| העכערונג/רעדוקציע פאר די 2022-23 סקול יאר | | $ -13,504,753 | $ -16,028,133 |
| פראצענט העכערונג/רעדוקציע אין פארגעשלאגענע בודזשעט | | -4.96% | -5.88% |
| א. פארגעשלאגענע טעקס לעווי צו פינאנצירן די סך הכל בודזשעט סומע | $ 154,490,227 | $ 157,013,606 | $ 154,490,227 |
| ב. לעווי צו פינאנצירן לייברערי חוב, אויב נוגע | $ 0 | $ 0 | |
| ג. לעווי פאר פארשלאגן וועלכע קענען נישט ארויסגערעכנט ווערן, אויב נוגע ** | $ 0 | $ 0 | |
| ד. סך הכל טעקס קעפּ רעזערוו סומע גענוצט צו רעדוצירן קעגנווארטיגע יאר לעווי | $ 0 | $ 0 | |
| ה. סך הכל פארגעשלאגענע סקול יאר טעקס לעווי (א + ב + ג - ד) | $ 154,490,227 | $ 157,013,606 | $ 154,490,227 |
| ו. ערלויבטע ארויסרעכענונגען פון די סקול טעקס לעווי מאקסימום | $ 2,590,102 | $ 2,735,178 | |
| ז. סקול טעקס לעווי מאקסימום, ארויסרעכענענדיג לעווי פאר ערלויבטע ארויסרעכענונגען | $ 156,023,654 | $ 157,878,314 | |
| ח. סך הכל פארגעשלאגענע טעקס לעווי פאר סקול צוועקן, ארויסרעכענענדיג ערלויבטע ארויסרעכענונגען און לעווי פאר לייברערי חובות, און צוגעלייגט די פאריגע יאריגע טעקס קעפּ רעזערוו (ה - ב - ו + ד) | $ 151,900,125 | $ 154,278,428 | |
| ט. אונטערשייד: (ז - ח); (נומער ווייניגער פון זעראו פארלאנגט א 0.06% וויילער באשטעטיגונג ראטע – זעהט באמערקונג אונטן איבער באזונדערע פארשלאגן)** | $ 4,123,529 | $ 3,599,886 | |
| אדמיניסטראטיווע באשטאנדטייל | $ 30,004,655 | $ 23,550,476 | $ 23,550,476 |
| פראגראם באשטאנדטייל | $ 194,762,419 | $ 208,285,141 | $ 208,285,141 |
| קעפּיטעל באשטאנדטייל | $ 47,682,559 | $ 27,109,263 | $ 24,585,883 |

*** א סטעיטמענט פון ספעקולאציעס געמאכט ביים פאראויס זאגן א קאנטינדזשענסי בודזשעט פאר די 2022-23 סקול יאר, אין פאל וואס די פארגעשלאגענע בודזשעט פארלירט אין די וואלן: רעדוקציע פון געוויסע אויסגעוועהלטע אדמיניסטראטיווע, לערנען-פארבינדענע און אנדערע אויסגאבן.**

| | אונטער די בודזשעט פארגעשלאגן פאר די 2022-23 סקול יאר |
|---|---|
| **געשאצטע בעיסיק STAR עקזעמפשען איינגעשפארט[1]:** | $784 |

די יערליכע בודזשעט וואלן פאר די פיסקאלע יאר 2022-2023 דורך די קוואליפיצירטע וויילער פון די איסט רעמעפאו סענטראל סקול דיסטריקט, ראקלענד קאונטי, ניו יארק, וועלן אפגעהאלטן ווערן ביי די פאלגנדע לאקאציעס: וואָרד 1 Summit Park Elementary School; וואָרד 2 Pascack Community Center, וואָרד 3 Spring Valley High School, וואָרד 4 Chestnut Ridge Middle School, וואָרד 5 Yeshiva Viznitz (ווינזשניץ ישיבה), וואָרד 6 Elmwood Elementary School, וואָרד 7 Ramapo High School, וואָרד 8 Pomona Middle School און וואָרד 9 Lime Kiln Elementary School.

[1] די בעיסיק סקול טעקס רעליעף (STAR) עקזעמפשען איז אויטאריזירט דורך טייל 425 פון די פראפּערטי טעקס געזעץ (Real Property Tax Law).

## אויפן בעלאט

**פארשלאג #1: 2022-23 בודזשעט:** זאל די יערליכע בודזשעט פון די סקול דיסטריקט, ווי עס איז פארגעשלאגן געווארן, אין די סומע פון $258,944,880 אנגענומען ווערן מיט די טעקס לעווי?





**To learn more about the 2022-23 proposed ERCSD budget visit www.ercsd.org/budgetrevote2022 or SCAN HERE.**

Para obtener más información sobre el presupuesto propuesto de ERCSD para 2022-23, visite **www.ercsd.org/budgetrevote2022** o escanee aquí.

Pou jwenn plsie enfòmason sou bijè ERCSD ki pwopoze pou 2022-23 a, ale sou **www.ercsd.org/budgetrevote2022** oswa eskane la.

**צו לערנען מער איבער די 2022-23 פארגעשלאגענע ERCSD בודזשעט, באזוכט www.ercsd.org/budgetrevote2022 אדער סקענט דא.**

EAST RAMAPO BOARD OF EDUCATION

Yehuda Weissmandl, *President*
Sabrina Charles-Pierre, *Vice-President*
Mark Berkowitz
Harry Grossman
Simon Koth
Ashley Leveille
Sherry McGill
Shimon Z. Rose
Ephraim Weissmandl

Dr. Clarence G. Ellis
Superintendent of Schools

Published by the East Ramapo Central School District in cooperation with the Rockland BOCES Communications Service.

**East Ramapo Central School District**
105 South Madison Avenue
Spring Valley, NY 10977

PRSRT
FIRST-CLASS MAIL
U.S. POSTAGE
PAID
MONSEY, NY 10952
PERMIT NO. 7025

T I M E - D A T E D   D O C U M E N T

# 2022 איסט רעמעפּאו בודזשעט יוני ווידער וואלן

## ווער קען שטימען?

איר מוזט זיין א בירגער, 18 יאר אדער עלטער, אן איינוואוינער אין די דיסטריקט פאר צום ווייניגסטנס 30 טעג בעפאר יוני 21, 2022, און איר דארפט זיין רעגיסטרירט צו שטימען. אויב איר האט געשטימט אין סקול וואלן אדער אין אלגעמיינע וואלן אין נאוועמבער אין די פארגאנגענע פיר יאר, דארפט איר זיך נישט נאכאמאל רעגיסטרירן.

## ווייטער אינפארמאציע

זעהט **ercsd.org/budgetrevote2022** פאר אינפארמאציע איבער די בודזשעט ווידער וואלן, רעגיסטראציע, עבסענטי בעלאטס און שטימען אין די מיליטער. זעהט **rocklandgov.com** פאר ראקלענד קאונטי ווייטער רעגיסטראציע בויגנס.

## וואָרד אינפארמאציע

די דיסטריקט האט 9 וואָרדס אין איינקלאנג מיט דעם פעדעראלן געריכט ארדער. זעהט **ercsd.org/budgetrevote2022** פאר וואָרדס, מאפעס און ווייטער רעגיסטראציע. אויב איר וואוינט נאכאלץ ביי דעם אדרעס רעגיסטרירט ביי ראקלענד באָורד אָוו עלעקשענס ווי געוויזן אויפן פארנט פון דעם בריוו, קענט איר שטימען אין די וואָרד און ביי די וואלן לאקאציע וואס ווערט געוויזן העכער אייער אדרעס. אויב איר האט זיך אוועקגעצויגן, אבער איר וואוינט נאכאלץ אין די דיסטריקט, באזוכט **ercsd.org/budgetrevote2022**.

## 2022 בודזשעט יוני ווידער וואלן

- **וואלן לאקאציעס זענען אפן פון 7:00 אינדערפרי ביז 10:00 ביינאכט, דינסטאג, יוני 21, 2022 פאר ווייטער וועלכע קומען אראפ שטימען פערזענליך. ווייטער מוזן שטימען ביי זייער וואָרד וואלן לאקאציע ווי געשריבן אויבן אונטער אייער אדרעס אויף דעם בריוו.**
- די לעצטע דאטום פאר ווייטער רעגיסטראציע מיט די דיסטריקט קלערק איז יוני 14, 2022.
- עבסענטי בעלאטס ווערן ארויסגעשיקט דורך די פאסט צו אלע ווייטער וועלכע זענען רעגיסטרירט אלץ פערמאנענט דיסעיבעלד ביי די ראקלענד קאונטי באָורד אָוו עלעקשענס. אנדערע ווייטער מוזן אריינגעבן אן אונטערגעשריבענעם עבסענטי בעלאט פארלאנג בויגן אויב זיי ווילן שטימען מיט אן עבסענטי בעלאט אנשטאט פיזיש אראפקומען שטימען. די לעצטע דאטום צו פארלאנגען אן עבסענטי בעלאט צו ווערן צוריקגעשיקט דורך די פאסט איז דינסטאג, יוני 14, 2022. די לעצטע דאטום צו פארלאנגען אן עבסענטי בעלאט צו ווערן אפגענומען איז מאנטאג, יוני 20, 2022.
- **אלע עבסענטי בעלאטס מוזן ערהאלטן ווערן דורך די דיסטריקט קלערק'ס אפיס ביז 5:00 נאכמיטאג, דינסטאג, יוני 21, 2022 צו געציילט ווערן.**

**באזוכט ercsd.org/budgetrevote2022 פאר ווייטער אינפארמאציע**